# דער דריטער בריוו פֿון יוחנן

א דער זָקן צו גאַיוסן, דעם באַליבטן, וועמען איך האָב באֱמת ליב.
2 באַליבעטער, איך בין מתפּלל, אַז דו זאָלסט אין אַלצדינג מַצליחַ
3 זיין און זיין געזונט, אַזוי ווי דיין נשָמה טוט מַצליחַ זיין. וואָרים
איך האָב מיך זייער געפֿרייט, בעת סע זענען געקומען ברידער
און האָבן עֵדות געזאָגט אויף דיין וואָרהאַפֿטיקייט, אַזוי ווי דו
4 לעבסט אין דעם אֱמת. קיין גרעסערע פֿרייד ווי די דאָזיקע האָב
איך ניט, צו הערן פֿון מיינע קינדערלעך, אַז זיי לעבן אין דעם
5 אֱמת. באַליבטער, דו טוסט אַ געטרייַע אַרבעט מיט דעם, וואָס
6 דו טוסט פֿאַר די ברידער, און בִּכלַל פֿאַר פֿרעמדע, וואָס זאָגן
עֵדות אויף דיין ליבשאַפֿט פֿאַר דער קהִילה. דו וועסט טאָן
רעכט, זיי ווייטער צו שיקן אויף זייער נסִיעה, ווי עס איז רָאוי פֿאַר
7 גאָט. מַחמת פֿון זיין נאָמען וועגן זענען זיי אַרויסגעגאַנגען, און
8 האָבן גאָרניט גענומען פֿון די גוֹיים. מיר דאַרפֿן דעריבער מקַבל
9 זיין אַזוינע, כּדי מיר זאָלן זיין מיטאַרבעטער פֿאַר דעם אֱמת. איך
האָב עפּעס געשריבן צו דער קהִילה; דיאָטרעפֿעס אָבער, וואָס
10 האָט ליב צו זיין אַ רֹאש צווישן זיי, נעמט אונדז ניט אויף. בכֵן,
אויב איך וועל קומען, וועל איך דערמאָנען זיינע מַעשׂים, וואָס ער
טוט, בעת ער רייסט אונדז אַראָפּ מיט בייזע רייד. און ווי דאָס
וואָלט ניט געווען גענוג, נעמט ער אויך ניט אויף די ברידער, און
יענע, וואָס ווילן עס טאָן, טוט ער פֿאַרווערן און זיי אַרויסוואַרפֿן
11 פֿון דער קהִילה. באַליבטער, טו ניט נאָך דאָס שלעכטע, נייערט
דאָס גוטע. דער, וואָס טוט גוטס, איז פֿון גאָט; דער, וואָס טוט
12 שלעכטס, האָט ניט געזען גאָט. דעמעטריִוס האָט דאָס עֵדות פֿון
אַלעמען, און פֿון דעם אֱמת אַליין; און אויך מיר זאָגן עֵדות, און
13 דו ווייסט, אַז אונדזער עֵדות איז אֱמת. איך האָב געהאַט אַ סך
זאַכן דיר צו שרייבן, נאָר איך וויל זיי ניט שרייבן מיט טינט און
14 פֿעדער; איך האָף אָבער באַלד דיך צו זען, און מיר וועלן רעדן
פנים־אל־פנים

פָּנים־אֶל־פָּנים. שָׁלום־עליכם. די פריינט גריסן דיך. גריס די 15
פריינט ביים נאָמען.